# דיא קלוגע הדרכה

איינע ערציהלונג צום לעזען אונד צום לאכען. וואס אויף דער וועלט קען זיך מאכען. אונ צוא דעם נאך זעהר איין שיינע ליד.

בעארבעטעט פאן ג.ב.ד״ר מווילנא.

נאכדרוק פערבאטען

## ווילנא

שנת תרלה לפ״ק

ДИ КЛУГЕ ГАДРОХЕ,
т. е. умное воспитаніе. Изд. Б. Копеловича.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Л. Л. Маца, на Квасномъ переулкѣ домъ Ш. Кисина № 1195/6 1877 г.



הא איך . קומען צוא ריק צוא איהם צוא וואס מיט . ים
גאנץ געסין איז זיא • טרייסטן צוא מיגליך זיא
אבראם נעטמען האט : ערצעהלונג דער פון מירעט
געמא זיא האט : גוט אפאר לעזינדיק אונ האגט א
אנ צייט דר אין : געבליבען מאכט אן איז אונ געשריי
אויסשטעלונ דר אף קונסטען אונ אנטיק אלען צווישען • ען
אידישען יונגען דעם פון בילד דאס • בעטמע
פו פאטרעט איין איזט בילד דאס • שפיגעלבערג ברוך
מענטשען אסך געוען ואנען קאנסעוואריע דער אין • קטער
אברהם פראסט : אגעלוף אמאל • אגערודער געווארין
דיא געשריבען איז האט דער וואסער מיט געשפריצט זיא ט
אונ האט וואס ? זיא איז • יושב לשמים עד אגעשריי •
אשיינער • אונגער אויף זיך הייבט פלוצלונג ?
און רייזעלען האפט • אב אלעמען שטויסט • מאן ירעמער
נוטע קוקט זיא : געטובט את יעצט : נון • רופט אונ ען
בוטש • פארשריען געלאזן זיך האסט • אונערפאהרען • נג
געהערט ערצעהלונג גאנצע דיינע האב איך • געבליבען ין
מיי : אלטע מיינע בימט דוא • מיין ביסט דוא אונ
געוארין מאלער אגנויסטר אויך בין דיר דורך • רייזעלע
צום פארט זא פארין מיר • קאם • מיך ערקענע קאם • ים
אונ מאר פריידן מיט באצאלן איס וועלין מיר • אטער
דיא ערצעהלען צוא שמאנדע אים ניט בין איך • רין
פרייד דיא • איינעם מיגע אונ עולם גאנצען דעם פון ערונג
האט וואס • מעשה יונגע דר ווען • רייזעלע גליקליכען או
וואס אונ געשיכטע גאנצע אירע קאנוארגע אין • טערט
דער אקעס אנדערער קין וואר געבראכט לעבען צום פון זא
בערג . שפ . ב . ברוך מטער גע׳ אלטער . איר • מאלער

# דיא קלוגע הדרכה

ווען דיין גיזיכט איז דאך שיין
איז דער שפיגעל מאקע ריין.
ווען דוא ביסט אבער העסליך
דאן איז דער שפיגעל גראסליך.
ריין, ווען ער איז נאר ליכטיג
ווייסט ער דאך וואהר אונ ריכטיג.
ער ווייסט וויא דוא ביסט אליין
ביסט דוא כמיאוס, אדער שיין.
ווייס, שווארץ, קלאר, צו איינגעריכט
זעהסט דוא ריכטיג דיין גזיכט.

1.

„העררט נאר מיך צו ליבער פריינד!" האט גיזאגט אפרים צוא שלמה צירלעס „העררט נאר צו מיין עצה. איך ווייס וואס איך זאג. איך זאג אייך וויא דער בעסטער גוטער פריינד. איר זאלט מיר פאלגען. איר זאלט פאר אייער זון ניט נעמען וויא היינטיגע מאדע אין אגובערנער אין שטוב. ניין דאס דארף מען ניט. דאס טארט איר גאר ניט טאן. איר זאלט נאר נעהמען צוא אים איין לעהרער דאס זאל מיט אים זיך בעשעפטיגען איינינגע שטונדען אין טאג. אבער דעם גאנצען טאג גאר אן איין אויפהער זאלט איר זיך זעלבסט מיט אים פארנעהמען. איר זאלט אליין אייער קינד בילדען. נאר איינע ... קיינער. דען דאס געהער נאר צו אייך אליין ניט צו קיינעם".
... דאס איז אגוט ווארט. האט גיענטפערט שלמה צירלעס. אשיינע ... איין עצה פון אגוטען פריינד. אונ פון אקלוגען מענשין. איך ... זיך האס נאר פון אייך ניט גידיכט. וואס פאר אפלאן דאס אביסעל. איר זאלט דאס זאגען? הא!? וואס רעט איר פארט?

וויא

Дозволено цензурою.—25 Октября 1877 г. Вильна.

וויא קום איך דער צו ? איך זאלס בילדען מיין קינד ? אשיינע זאך
אסך וועט ער זיך פון מיר אום לערנען . אגוזמא וועט ער קענען ..
אז איך אליין קען ניט . וואס זע זאל איך אים אום לערנען

„בייווערט זיך גאר ניט ר' שלמה" האט גאנץ קאלט בלייטיג גיזאגט
אפרים הערט נאר מיר צוא, מיין עצה איז אגוטע און אריכטיגע. נא..
איר האט מיר קיין פאראיבעל ניט, איר האט מיר ניט פארשטאנען
און איך זאג אייך נאך אמאל דאס זעלביגע. נאך דיישליבער
אייער זאהן זאל שפרעכען און וויסענשאפטען לערנען ביא אי..
לעהרער . אבער צו הויז גאנצע טעג זאלט איר אליין זיך מיט אי..
פאר נעהמען . אום איהר זאלט זעלבסט גוט אכטונג געבען או..
אים . איר זאלט אללע זיינע טריט זעלבסט נאך שפירען . אום א..
זאלט זיין הערץ אליין בילדען . אום איר זאלט אליין אין אי..
איין פלאנצען דרך ארץ . מוסר . מדות טובות . און מעשים טובים
דיזעס אלעס גיהערען נאר צוא עלטערין . אבער ניט צוא קי..
לעהרער . איר ווייסט דאך ר' שלמה אז איך אליין בין עפעס או..
ניט איך ווייס ניט וועהר, אונטער אונז גירעדט זיינען מיר דאך בי..
פראסטע מענשין . אבער מענשין זיינען מיר דאך . מענשין
גוטע גיפיהלע . מיט ריינע גיוויסען איר זעהט דאך וויא איך הא..
מיין פלימעניק מיין דוידלען זאל לעבען דער צווינגען אז גאט א..
לייט פרייען זיך מיט אים . מיט איין ווארט :

ידיעות . חכמות . און שפראך
איז דאך דעם לעהרערס זאך .
אבער דאס הערץ זאל זיין
גישליפען זייער פיין .
גוט געזיטעט שיין און ריין
מוזען עלטערען אליין . . .

איך מוז אייך מודה זיין ר' אפרים האט זיך אבגערו..
שלמה צירלעס . אז אייער פלימעניק איז איין וועלטענער ..
מאן . גאט זאל בענשין אלע טאטעס און מאמעס מיט ..
קינדער.



..נדער וויא ער איז . געבע גאט אז מיין נחומיל זאל ניט ערגער
..ין פון אים . איר האט אים מחריק געוועזן פיל בעסער וויא איין איינער
..אטער ערציהעם זיין איינענע קינד : „איהר וואלט אבער וויסען". האט
..רים גיענטפערט „איר וואלט אבער וויסען וויא מיין הערץ טוט
..יר וויא איבער אים : שטייט אזוי אבלי: אזוי אוואוילער יונגער
..ענש וויא ער איז וואס ער האט געקאנט טאהן דעם , שענסטען . דעם
..עסטען און דעם בעסטען שידוך : האבין אים שדכנים פאר דרייט
..א קאפ מיט ר' צדוק דעם רבם מיידעל . מען קאן ניט זאגען .
..א אין אין געלט אי יחוס . אבער ברודער וואס טוג מיר דיא בעסט
..ט דיא תורה, אז עס איז בראקונע סחורה" ?

בראקונע סחורה ? ! גאט איז מיט אייך ר' אפרים ! האט אים
..לטה צירלעס מיט גרוים היץ איבער גישלאגין דיא רייד . שטייט וואס
..וט זיך פארט מיט אייך ? איר זיים שוין גאר עפעס עובר בטל
..וואריין ! . . . שטייט מיט ר' צדוקין שטיים אייך שוין אויך
..ט אן צוא מאן אשידוך . און באזאליען רופט איר בראקאוונע
..חורה ? ! . . . שעהמען דארפט איר זיך אין אייער ווייטין האלדז
..וו . חלשות !

„שא . שטיללער . רוהיג !" האט זיך אפרים אפ גירופין האלב
..הדריסליך „זייט ניט אזוי היטציג . ברענט ניט מיט אזוי אפייער .
..מנם חטאתי ! וואס האב איך דא גיזאגט . אשפאס אביסיל . איך
..אב דא אביסיל אנגערידט דעם יחסן ר' צדוק מיט זיין היליגין
..פאראק . וואס זיים איר דא פלוצלינג אויף מיר אנגעפאלין וויא
..יך וויל ניט זאגין ווער . האט מיר איבער גישלאגין אין מיטין .
..ן לאסט ניט קאנצין . הערט וואס איך וועל אייך זאגין אויף ר'
..דוקין אליין רייד איך איין ווארט ניט . ער איז אי אלמדן אי איהסן
אגרויסער גביר . אויך זיין טאכטער ראזאליע . אהער גאר אויף
..ינער פראסטין לשון . אויף פראסט אידעש . רוזקע איז געווים
אשיינע אקלוגע אגעבילדעטע . און איין ארענטליכע קינד נאר
..בער איין חסרון האט זיא וואס איך ווייס דער צוא . גאר קיין
..נאה ניט . מיר דאכט אז עס איז דער צוא גאר קיין היליף ניטא
זיא.

זיא איז אשרעקליכע בעטנתה אז זיא ווערט ביין איז נאר סכנות בשעת זיא ווערט אין כעס ווערט זיא גאר משוגע. זיא שילט און בילט. זיא וויינט און קלאגט. זיא האררעת און שלאגט. זיא ברעכט און שטעכט. שצירעט מיט דיא ציינער קלאפט מיט דיא ביינער. און נאך אלעמען פאלט זיא אליין גאר אין חלשות. קיין דינסט קיין יונג האלט זיך דאך איבער איהר ניט אין ביי ר' צדוקן. און ווער איז אין דעם שולדיג אז ניט דיא עלטערן-וואס האבין דאס פון קינדרוויים אן צו געלאזין. נוא בין איך שוין גרעכט. הא. אז איך האב דאס דער ציילט מיין דוידלען. האט ער גאנץ רוהיג מיר גיענטפערט אז ער וויים דער פון. און דאס ארט אים גאר ניט. זיא איז נאך יונג זאגט ער. זיא ווערט בעסער ווערין בישקשה. איך וועל איר פעלער פאר ריכטין. עס איז שוין געוועזין תנאים. און ר"ח אדר וועט זיין חתונה.

נוא אז אזוי האט שלמה צירלעם מיט פריידע גיזאגט. האב מזל טוב איך. זאל זיין מיט גליק. דער זיווג זאל עולה ליפה זיין.

„מיט מזל" זאלט איר לעבין. ביי אייערע קינדער אב צוא געבען.

2.

איך בין א מענש וואס איך טרויא אן מיינע סודות מיין שהייערע לעזערין. אזוי ווי דאס איז שוין בעקאנט פון מיינע איינגע ערצעהלונגען וועלכע זיא האט געווים געלייענט ווי א למשל יוסף דעם יתום. ר' שמואל האפפערדיג. גישטעלע דיא גוטע און קלוגע ווייב. און הגמול. דיא בעלאהנונג. דארטין האב איך איר אין אלעס געמאכט קלאר. ביז אויף איין האר. אמת איך קאן זיך ניט זאלעווען אויף דיר מיין שהייערע לעזערין. דוא האסט זיך ניט גיפוילט ביסט מיט מיר אומעטום גיגאנגען גישטאנען. גיוויינט. גילאכט געשריען. און גישוויגן. דוא דיא צייט און דער ארט האט גיפארערט. און וואס פאר אנעדולד

מען



מען דארף דאס דער צוא האבין. דעריבער האב איך אז דוא ווערסט יעצט אויך דעם שרייבער דעם ארעמען נביר מיט געדולד זיינע פלוידעריא. זיינע נארעשקייט אוים הערען. דען מאגסט מיר דן זיין לכף זכות. אז איך מיין נאר דיר פארגעניגן צוא מאכין. און גוטע מדות מיט ביינע געפיהלע אין דיר אין צוא פלימען. נאר ליינ נוט צוא דעם אויער. מיר וועלין ריידין צוא דער זאך.

דער אפרים האט ווירקליך דייער גוט ערצויגין דין פרימעניק דוד. זיין פערשטארבענעם ברודערס זון. ער איז גיוועזין איין גוטע, קלוגער. און שוין געבילדעטער יונגער מענש אין ערך צווייא אדער דרייא און צוואנציג יאהר. ער איז אויך געוועזין איין שיינער קויפמאן ער האט גיהאנדילט מיט פלאקס זימען און וואלד. און עס איז אים אויך זייער גוט גיגאנגען ר' צדוק דעם אלטען רבם זאהן אין אויך גיוועזין אגרויסער נביר און זיין אויסגעצייכנטע טאכטער ראזאליע איין יונגעם מעדכען פון 16 אדער 17 יאהר איז ווירקליך גיוועזין איין וועלטענעם קינד. אנאנץ גוטע פון נאטור נאר א בעסנתה איבער אללע מאסין. ר' צדוק האט איר אויך גינעבין נאן צעהן טויזנד רובל ווילבער. און ר' אפרים אבער האט פארט ניט גיוואלט אז זיא זאל זיין זיין פלימעניקס כלה. דוד ווידער האט יוא גיוועלט מיט ראזאליען חתונה האבין ניט איבער דיא געלט אויך ניט צוא ליב דעם יחוס. נאר פשוט ווייל זיא אליין איז אים זייער גיפעלען. דוד האט גיזאגט אז איר גיפטיגער כעס קוסט דער פון ווייל זיא האט זיך אויף גערהארעוועט אן אמוטער. (דען אין איר קינדהייט נאך איז זיא גיבליבין איתומילע געבאך). און זיא איז נאך יונג. דעריבער איז נאך גרינג איר אב צוא גיוויינען פון איר כעס. אז דער פעטער ר' אפרים האט אים גיפרעגט: דודיל ווילסט דוא דען חתונה האבין מיט אזעלכע וואס דוא זאלסט דארפין זיין ביי איר אלהדער.

ליבער פעטער. האט דוד גיענטפערט. איר פעלער זיים איך קלאר. און איך האב שוין פארטיג אפלאן ווי אזוי איך אפ

צוא געווייגען . איך האב אין קורצן דעם כעס פון איר ארוים
צוא שרייבען . אונ דאמאלס בין איך דאך דר גליקליכסטע אויף דר
וועלט געווען וואו בעקומט מען נאך א ראזאליע... אבער ווען איך זאל
זיך פארבינדען מיט איין אנדערע . וועל איך אצייט לאנג מוזן נאך
זוכען אזעלכע ווארע פעלערין אונ אז מיר וועט שוין גליקן בלאך
לאנגע צייט אונ פיל מיה וועט צוא דער זיין איהרע חסרונות וועלער
זיים אויב איך וועל קענען אונ זיא וועט זיך לאזן אב
געוויינען . אונ דאמאלס בין איך דער אונגליקלאכסטער אויף
דער וועלט .

ביזט גערעכט מיין קינד . האט זיך דער פעטער ר' אפרים
אב גערופען . (אשרי מי שהסרונותיו מנוים) . דאס הייסט וואויל
איז דעם וואס האט נור געציילטע פעלער ראזאליע האט דאך נור
איין פעלער אבער איין וויכטיגען . מיר דאכט אז ער באשטייעט
אונשטאט אנדערע צעהן . נאר גאט זאל דיר בענטשן ער זאל
דיר געבען גליק . רוהע . קרעפטן פריידע, נחת פאר שטאנד
אונ געזונד .

3.

זייא האבען מיט גליק ר"ח אדר חתונה געהאט . זייא זיינען
ארוים פאר זיך וואוהנען אין איין אייגענעם הויף וואס דוד האט
געקויפט . ער האט אים אויך זייער גוט איין געארדנט זייער שיין
מעבלירט זייער שיין בעפוצט . פיל פארשיידענע צימערן . פיל
דינער פיל פערד קארעטעס אלעס אויף דעם רייכסטן שענסטן
אונ בעסטן ארט, דיא יונגע פאר פאלק זיינען געוועזן פיל גליקליך
איינער האט געליבט דעם אנדערן . זייא האבען זיך געשעצט
אונ געעהרט :

נאך דיא בעטע פון דודן האט זיך דער פעטער ר' אפרים
מיטאהל אנידער געזעצט לעבען זיין שלאפענדיגן פלימעניק אונ האט
שטארק געזיפצט :

וואס איז אייך טהייערסטער פעטער . וואס זיפצט איר . האט
אים ראזאליע געפרעגט :

אוי



אוי מיין ליבעס קינד . אז איך טהוא א קוק אויף אייך ביידען
...א קוועטשט מיר דאס הערץ יעצט זיינט איר דאך ביידע גלייך מיינע
...בע קינדער . . . איבער הייסט אויך טהייערסטע קינד . . . אוי ! עס
...לאגט מיר מיין געוויסען . . . שרעקליך . שרעקליך : ווען איך דער
...מאן זיך . . . עס ווערט מיר פינסטער אין דיא אויגען ווען איך טהוא א קוק
אויף דיר ליבעס קינד . . .

וואס איז דען ? האט זיא צוא שראקענער הייד געפרעגט וואס
...ל דאס העסען זיך . וואס בעדייטען אייערע שרעקליכע ווערטער . . .
ליבעס קינד . האט דער פעטער איר געענטפערט, עס איז מיר
...יער שווער . עס איז מיר שלעכט ביטער דיר דאס צוא ענדעקן אבער
וואס זאל איך טאהן : איך מוז דיר מיינע צרות אדער אונזערע ביידענס
...אומגליקליכער צייליין . דען איך קאן שוין מעהר פון דיר ניט פאר
שוויגן . פריהער . שפעטער דוא מוסט דאך דאס וויסן . . . דא העער
צייט זיך אן . שטארק זיך . פאסט זיך מוט אום אוים צוא הערן
מיינע ביטערע טהייערדיגע ווערטער . . . אוי . וויי . אוי . וויי . . .
שטער צוא ריידען שלעכטס צוא שווייגען . . . נאר לאז נאך בעסער
געהערן א ווייל . . .

ועט ליבער פעטער . האט ראזאליע מיט אונגעדולד אום געשריען
צאפט מיר ניט מיין בלוט . ציט מיר ניט מיינע אדערן . דער ציילט
שנעלל אונ גיך . דער ציילט מיר שוין . ערקלערט מיר שוין גיבער
וואס איז דאס פאר איין אום גליק . וויא גרויס איז ער . . .

אוי וויי . איך מוז נאך זעלבסט דיר דערציילן . . . האט דער
פעטער געזאגט מיט איינע יאמערליכע שטימע הער זיך נאר גוט צוא
דוא האסט מיין קינד חתונה געהאט מיט מיין פלימעניק זאל לעבן גאט
זאל אייך געבען גליק געזונד אונ פרידן . זאלסט וויסן מיין טאכטער .
דאס אונזער דוד לעב... איז איין אויס געצייכנטער יונגער מענש .
אשיינער אנגעבילדעטער . אבער . אבער . . .

וואס אבער . . . בעסטער פעטער . זאגט שוין דער ציילט שוין
האלט מיר ניט אויף הייסע ברענענדיגע קוילן . האט דיא יונגע פרוי
ביטערליך געשריען :

וואס

וואס אבער . . . האט זיך דער פעטער אב גירופען מיט איין ביטערליכע שטימע אוי . וואס אבער . ליבעס קינד . שרעקליך . . . פירכטליך . . . איך ווייס אליין ניט . זאל איך זאגן . אדער ניט . . דער אומגליק איז גרוים . . . אוי . וואס אבער . . . אוי . איך מוז דאך שוין זאגן . . . אבער . זאלסט וויסין און גידיינקען אז אלע דיינע מעלות ווייגען גאר נישט ווערט איבער דעם גרויסין חסרון וואס ער האט . . . וויא גאר עפעס . וויא נאר אהאר . איבער דאס קלענסטע ווערט ער באלד אין כעס . אבער אזוי אין כעס . אז גאט נאר איין נאט זאל רחמנות האבין און דיר אב היטין דען ער איז דאמאלס גאר ווילד . אלעס וואס אים פאלט דאמאלס אין האנד אריין ווערט צוא וואורפין . צוא בראכין צוא שטאכין . קיינער איז ניט זיכער אין יענער צייט פאר אים ער רייסט . און בייסט . אמת ער האט אפילו נאך דעם חרטה . אבער עס איז שוין צוא שפעט . אין שטוב איז גאר אחרובין . אלעס צוא קיילט . צוא בלוטיגט . און פאר וואונדעט . און ער אליין ליגט קראנק . גאר אן קרעפטין . . .

אוי . האט זיא אנגעשריא גיטאן . און האט מיט זיא הענד צוא גימאכט איהרע אויגין . אוי . וואס טהוט מען . . . און איז פול מיט שרעק אוועק גילאפין צוא זיך אין קאבינעט :

4.

אגאנצין טאג האט זיא זיך קוים איינגיהאלטין פון טרערין · און האט אלע מעגליכקייט גיטאהן נור אום ניט אונמוטהיג צו זיין · דען זיא האט ניט געוואלט איהר פיל גיליבטען · געשעצטען און געהערטען דוידן מצער זיין און אים געבין צוא מערקין אז זיא ווייס פון זיין פעהלער · אבער נאך מעהר האט איהר גיקריינקט דאס זיא האט זיך אליין אויך גיפונען מיט דעם זעלבין פעהלער · אגאנצין טאג האט זיא זיך גימאכט פריילך · אבער ביי נאכט האט זיא ניט גיקענט איין אויג צוא מאכען · זיא האט ניט גיקענט שלאפין זיא האט שטארק גיוויינט · זיא האט זיך גירעכינט פאר דיא אונגליקליכסטע אויף דער וועלט · זיא האט פאר זיך אליין מורא גיהאט ·



אוי וויי ! איר הערצינס גיליבטער גוטער דוד איז אויך גישטראפט מיט דיא זעלבינע קראנקהייט ווא זי . אויף אייביג איז זיא פארבונדען מיט נאך אזוא אזעלכען וויא זיא אליין איז . גאט ווייס וואס דא ווערט זיך טאן צווישען זיא ביידין . קיין רוהיגע מינוט וועלין זייא דאך ניט האבין . דא ווערט איינער אין כעס זיין . און דא דער צווייטער און אין איין ווייל ארום ביידע מיט אמאל . עס ווערט זיך טאן מעשי תעתועים . קעפלאך . פיסלאך . פון גרויס ליבשאפט ווערט מען זיך נאר דיא בענער אפ רייסין :

אזוא איז זיך אוועק עטליכע טעג . און ראזאליע האט אליין גיווארנט וועגין איהר מאנס פעהלער . דער ליבער דוד האט ווידער דער וויל בעטראכט דיא ווייבס כאראקטער פון אלע זייטין . אום ער זאל וויסען וויא שטארק דיא רפואות צוא מאכין . אט וויא זיא האט זיך איינגיהאלטין האט ער דאך אין איר דער זעהן צייכענס פון בייזהייט . דען זיא האט איר כעס נור פאר שטיקט . נור איין גיהאלטין . אבער ניט אויס גילאשין . דעריבער האט מען מיט איין גוט דורך דרינגענדע אויג גיקענט בעמערקען און ארוים זעהן וויא עס קלייעט זיך דארטין איינעווייניג דיא פאר שטיקטע פונקען . און לויט דיזע פונקען האט דוד באמערקט . דיא מיטלען וועלכע מען דארף איר געבין צוא היילין .

עס איז אוועק אטאג צעהן זינט דער פעטער ר' אפרים האט ראזאליען דער ציילט פון איהר מאנס פעלער . און דערווייל זיא האט אין אים קיין כעס ניט בעמערקט האט זיא זיך גיטרייסט . און האט שוין כמעט גאר פערגעסין אן דעם . דער טאג איז גיוועזין זייער אשיינער . דיא זאננע האט גישיינט . דער הימעל איז גיוועזין העל און קלאר . מען האט זיך זייער שיין צוא גיבראכט . נאך דעם וויא מען האט אפ גיגעסין מיטאג האט איר דוד גיבעטין אז זיא זאל אים עטוואס שפילען אויפין קלאוויר (פארטעפיאן) בשעת ער וועט זיך זעצין עטוואס נייטיג שרייבין . זיא האט זיך אנידער גיזעצט און האט גיוואלט שפילען . עס גיט אבער גאר פאלשע טענער . דען דער קלאוויר איז ראססטראיעט . זיא האט זיך איינגיהאלטין פון

כעס

כעס . און האט געבעטין איר ליבין מאן אז ער זאל נאר מיט גידולה נוארטין אויילע . זיא וועט שיקין נאך דעם נאסטראישציק*) דער וויל האט זיא גינומען דיא גיטארע אין האנד . אבער ווי זיא האט נאר אן גיהויבין צוא שפילען . האט מיט אמאל גיפלאצט איין סטרונע איבער העלפט . האלב אין כעס האט זיא גיחאפט איין אנדער שטרונע . און האט צוא גיבונדין . נאר אלעס זיא האט גיוואלט מיט דעם שרייפיל פאר דריען . האט ער זיך צוא ערשטען דריא צוא בראכין . מיט גרוים כעס האט זיא גיוואלט אוועקוארף טאן דיא גיטארע . נאר אבער אין דיזען אויגין בליק איז פערצלונג גיפאלין פון איין שאנקין ווארף דירדס טינטער אין גרויסין וואגע שפיגעל און האט אים צוא בראכין אויף שטיקער . דיא טינט פון דעם טינטער האט פאר שפריצט האזאליען דיא קלייד מיט האט גיזיכט . זיא האט דאן אוים גיזעהן ווי יעקב אבינום שאף גיפלעקט און גיפינטעכט . זיא האט זיך דער שראקין איר שרעק האט אויס גיוועקט איר כעס . צוא טומלטער היים זיא האט ניט גיוואוסט וואס דא טוט זיך מיט איר . זיא האט דער זעהן ווי איר ריזה איר אלטער ליבסטער שטייט רויט פון כעס דיא האר פון קאפ שטייט אים נאר דובאם פון מול לויפט אים נאר פיענע דיא הענט איז גיקאלעצעט . אלעס וואס ער האט נאר בעקומען אין האנט האט ער גיווארפין אן דער ערד . ער שטייט מיט אגרויסין ציבוק און וויל שלאגין זיין לאקייא . ווייל דער טינטער מיט דיא טינט האט זיך אוים גיקערט אויף דעם טיש . שריים טולם און זידעלט . אויף דיזין גישרייא איז דער פעטער ר' אפרים אריין גילאפין צו שראקענער היים איז צוא גיפאלין צוא זיין פלימעניק . און האט אים אן גיחאפט פאר דיא הענד . דער דינער איז דער ווייל ארוים גילאפין דור האט זיך אוים גידיכין פון דעם פעטערס הענד . אונד האט

זיך

*) נאסטראישציק איז איין בעל מלאכה וואס פאר שטייט צוא ברייגען אין ארדענונג איין קלאוויר , דאס ער זאל גוט שפילען . ער זאל געבין ריכטיגע טענער .



זיך גיאנט נאך דעם דינער . און פאר ביא לויפענדיק פאר ביא זיין ליבע ווייב ראזאליע האט ער מיט דיא פיס צוא טראטין איר גיטארע וועלכע עס איז ביא איר פון האנד פון גרויס שרעק ארוים גיפאלען אויף דער ערד . ניט קוקענדיג אויף אלעס וואס ער האט דא אין דיא הייליע צוא בראכין . ניט אבטונג געבענדיג אויף זיין צוא שראקענע ווייב . וועלכע שטייט טויט און בלייך ווי קאלך ניט הערינדיג דעם פעטערס בעטען איז ער ווי א משוגענער ווייטער גילאפין דער דינער האט פירכטערליך גישריען . דוד האט נאך העכער און האלב הייזעריג גילארימט און האט זיך מיט דעם שטעקין ארוים גיאגט נאך דעם דינער פון שטוב אין הויף . טראסק . טראסק . האט מען גיהערט ווי דער שטעקין צוא ברעכט זיך אויף דעם דינערס פלייצע . דער דינער ווייגט יאמערליך . דער כלל איז עס טוט זיך חושך . זיא ראזאליע נעבאך איז פאר שרעק גיפאלין אויף דער ערד . און איז אין אונמאכט גיבליבין . מען האט איר אוועק גיטראגין אין איר ספאלניע דארטין האט מען איר אפ גימינטערט זיא איז גיוועזין זייער שוואך צוא שראקין און מיד און אזוא איז זיא אפ גילעגין ביז אויף מארגין אין דער פריא . דורך איר שטוב מעדכען איז זיא ערפאהרען אז איר ליבער דוד איז פאר כעס קראנק גיווארין . אויף מארגין אז זיא האט גיוואלט אריין גיין צוא אים האט איר דער פעטער גיזאגט אז זיא קען נאך אים ניט זעהן רעין דער דאקטער האט עס פארבאטען . ער האט מורא מען זאל אים דיא בערוהען ניט אויף רייצין . און דאן איז ער גיפעדליך . טרויערדיגער היים איז זיא ווידער אוועק צוא זיך אין ספיילניע . און האט נעבאך פאר בראכט אין טרויער . געגין אבינד האט זיא אריין גיבעטין צוא זיך דעם פעטער . און האט זיך מיט אים בעראטהען וועגין איין מיטיל דער צוא . אונד נאך פיל אונטער האנדלונגען איז ביא זייא גיבליבין דאס זיא זאל אים ווייזין איין פרימער פון נאנפט גידולה פריד און רוהע . און ווען זיא האט דעם ערשטין מאל דער זעהן איהר ליבען דוהען . און אלס ער האט איר גיבעטין אום פערצייהונג וועגין דיזעס . האט זיא אים דאמאלס

גיבעטין

גיבעטין דאס ער זאל זעהן צו מעסיגען זיין כעס און ער זאל זיך גלייכען צו איר:

„איך וועל דיר זיין דער בעסטער לעהרער" האט זיא צו אים פריינדליך און ליבליך געזאגט איך וויל זיין דיין בעסטער ארצט (דאקטאר) און וויל אויך זעלבסט זיין דיא מעדעצין (רפואות) צו דיינער שוואכע. פון מיר זאלסטו זיך איין ביישפיל נעהמען דוא זאלסט אום גיין אין אלע צייטען מיט אלעמען אקוראט וויא דוא וועסט מיר זעהן אום גייענדיג מיט זיא און דיא ערסטע צייט וועט דאס דיר אפילו ניט גרינג אנקומען. אבער דער פאר שפעטער מיט דר צייט וועסטו זעהן זעלבסט ווי גוט געזונד שיין דאס וועט זיין פאר מיר און פאר דיר. וויא דער פעטער וועט קענען און איך וועל נחת האבין פון דיר:

און נאך פילע האט זיא מיט אים דעריבער גישפראכין און איר דוד האט איינגיווילינגט דער צו. ער איז דער מיט צו פריהען געוועזין און אזוי האבין זיא זיך דיא הענד גיגעבין:

עס איז אוועק אלאנגע צייט און עס האט זיך ביי זיא ביידין קיין כעס ניט געוויזען אפילו קיין צייכענס קיין פונקען האט זיך אויך דער פון ניט ארויס גיזעהן. און זיא האבין זיך ביידע גיפרייט דער מיט. ער און זיא. דען זיא האבין זיך ביידע גירעכינט פאר גוטע לעהרער. נאר וויא זאגסטו ליבע לעזערין. ווער איז דער וואהרער לעהרער און ווער דער וואהרער שילער אט לייענט ווייטער דיא צייט ווייזט אללעם:

5.

איין מאל וויא דוד איז אוועק גיפארין אין געשעפט. איז דער ווייל צו אים גיקומען צו גאסט זיין אלטער רבי און לעהרער. דאבינער און פראפעסאר הערמאן וואהללעהרער. ראזאליע האט אים זייער שיין אויף גינומען און האט מיט אים זייער שיין פארבראכט:

„וואס מאכט מיין ליבער דוד" האט דער גרייז גיפרעגט. ער איז לויב גאט פאלקאם געזונד. האט ראזאליע פריינדליך גיענטפערט

איך



איך האב איך צו פערדאנקען האט זיא ווייטער צו אים געזאגט. וואס ער איז אזוי איין ווירקליכער און איין פיקטיגער מענטש. דען איר האט מיט אים שיינע ווישענשאפטען גילערינט. איך האט איר און אים גוטע מדות איינגיפלאנצט. אבער אנדערזיין פעהלער נעמט ניט איבעל מיין בעסטער הער. האט איר דאך אין אים גילאזין. בעשטימט האט איר דאס ניט גיקאנט פאריכטען עס איז שוין ווארשיינליך פאר אייך גיוועזין צו שווער. איר האט שוין דער צו קיין מיטיל ניט גיוואוסט אבער בעסטער הער וויא האט איר זיך פאר וואונדערין הערינדיג אז איך שוואכע פרויען צימער האב דיזין שרעקליכען פעהלער פאריכט דיזע ביטערע קראנקהייט אויס גיהיילט. און מיין ליבער טייערער דוד איז שוין היינט פאלשטענדיג געזונד. אמת ער רופט מיר פון דאמאלס אן ניט אנדערש וויא ראזאליכען מיין גוטע לעהרערין:

וואס פאר אפעהלער?!.. האט מיט פאר וואונדערונג דער אלטער פראפעסאר גיפרעגט. מיין דודיל מיין טייערער שילער האט דאכט מיר גאר קיין מאהל קיין פעהלער ניט גיהאט. ער איז קיין מאל קראנק גיוועזין וועלען קראנקייט!...

וויא עס שיינט אוים האט איר זיך אפנים שוין גאר פאר געסין אן זיין שלעכטע מדה כעס גאר עפעס ווערט ער באלד אין כעס און ווערט בעמעט גאר משוגע קיין בלי קיין מענש איז דאמאלס ניט זיכער פאר אים. און ער אליין ווערט אויך זייער קראנק דער פון האט ראזאליע גיענטפערט זעהט איר הער וואהללעהרער. ניט איר גרויסער פעדאגאג נאר איך שוואכעס ווייבעלע האב אים אויפין רעכטין וועג גיבראכט:

אוי וואס רעדט איר?.. האט הער וואהללערער קוועצענדיג מיט דיא פלייצעס געזאגט. שטייט וואס רעדט איר דאס... וויא קומט דודיל צו כעס... און פשיטא נאך צו אזוי אבעם... ניין. דאס קאן ניט זיין. דאס איז עפעס פון אים איין איינפאל איין וויטש גיוועזין... אהא! איך פאר שטייא שוין וואס דאס איז... איך וויים שוין... און דער פערנינפטיגער פראפעססאר האט מיט זיינעם שיפין בליק איר שטארק אן גיקוקט. ער האט אין הארצין דארטין

אריין

ארײן . געזעהען זיא האבין זיך אײנער דעם אנדערן פאר שטאנען . זיא אין זײער רױט געװארין דער װײלע איז דער געקומען צוא פארין . װיא זיא האט אים דער זעהען אט זיא אים אנגעפאלען אויפין האלז אירע פרײנדינס טרערין האבין בענעצט זײנע באקען און זיא האט אים געזאגט מיט אײן טרויעריגע אבער זיסע שטימע :

הא , מײן בעסטער באהרבען . דוא האסט מיך בעטרוגען . אבער גאט עס איז אפילו ביטער דיזער בעטרוג שטארקע מערצין . אבער זים און גוט איז דיא נוצין פון אים ; דוא האסט מיך שום דײן בעטרוג אויפין רעכטין װעג געבראכט . פון יעצט אן װײס איך אז דוא ביסט דער דאקטער און איך בין דער חולה געװעזין . דוא ביסט מײן לעהרער און איך בין דײן שילערין . . .

דער אלטע מאן . דער ערענװירדיגע לעהרער האט זײן געבענשט . און האט מיט פרײד אבשײד פון זיא גענומען . פאר אב רײזין האט ער אויף דײן טאביל מיט גאלדענע בוכשטאבין אײנגע װערטער אום געשריבין . און האט דאס אויפין װאנד אויף געהאנגען דאס איז דאס :

נעטליכער הויז זעגען!

װאו אמונה . דארטין אהבה
װאו אהבה . דארטין שלום
װאו שלום . דארטין ברכה
װאו ברכה . דארטין גאט
װאו גאט . קײנע נאמה